# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת פנחס תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 491

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com

## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### די תפילה פונעם ארימאן ווערט פריער אנגענומען

"לָרַב תַּרְבֶּה נַחֲלָתוֹ וְלַמְעַט תַּמְעִיט נַחֲלָתוֹ אִישׁ לְפִי פְקֻדָיו יֻתַּן נַחֲלָתוֹ" (כו נד)

האדמו"ר **רבי אליהו לערמאן פון פילוב** זאגט:

די ווארט 'נחלה' אין דער פסוק ווערט געטייטש אלס לשון תפילה, אזוי ווי די ווארט "ויחל" איז א לשון תפילה, אזוי ווי עס שטייט (שמות לב יא): "וַיְחַל מֹשֶׁה". און אזוי ווערט געטייטש דער פסוק: "לָרַב" - דער וואס האלט זיך גרויס, "תַּרְבֶּה נַחֲלָתוֹ" - דארף אסאך דאווענען כדי זיין בקשה זאל אנגענומען ווערן. דאקעגן, "וְלַמְעַט" - דער וואס זיין הארץ איז ביי אים צובראכן און האלט פון זיך זייער ווייניג, "תַּמְעִיט נַחֲלָתוֹ" - ווערט זיין תפילה אנגענומען אן ער זאל דארפן מאריך זיין אין דעם, אזוי ווי עס שטייט אין זוהר (וישלח קסח ב) אז די תפילה פונעם ארימאן - וואס זיין הארץ איז צובראכן, ווערט אנגענומען פריער פון אנדערע תפילות.

'אזור אליהו'

### לעתיד לבוא וועט די שעיר עיזים זיין לרצון

"וּשְׂעִיר עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת לַה' עַל עֹלַת הַתָּמִיד יֵעָשֶׂה וְנִסְכּוֹ" (כח טו)

ביי די מוסף פון ראש חודש ביים אנהייבן די מיטלסטע ברכה זאגן מיר אז די שעיר עיזים קומט מכפר זיין: "בהיותם מקריבים לפניך זבחי רצון ושעירי **חטאת לכפר** בעדם", און באלד נאכדעם, ווען מיר בעהטן אויפן עתיד זאגן מיר: "מזבח חדש בציון תכין... **ושעירי עיזים** נעשה **ברצון**"?

ערקלערט **רבי אברהם ישראל זאבי**, חברונער רב:

פון דעם וואס ביי אונזער פסוק רעדנדיג פון די שעיר ראש חודש שרייבט די תורה: "וּשְׂעִיר עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת לַה'", אנדערשט פון די אנדערע שעירים פון מוסף וואס אויף זיי שטייט נאר "לחטאת", דרש'ענען די חכמים (חולין ס ב, וברש"י שם ד"ה ודוד) אז די שעיר ראש חודש האט דער אויבערשטער באפוילן ברענגען צוליב אים, אלס א כפרה אויף דעם וואס ער האט פארקלענערט די שיין פון די לבנה. ווייל אין אנהויב זענען באשאפן געווארן די זון און לבנה אייניג, און ווייל די לבנה האט מקטרג געווען און געזאגט "אי אפשר לשני מלכים להשתמש בכתר אחד" האט הקב"ה קלענער געמאכט איר שיין.

לויט דעם קען מען טייטשן, ריכטיג טאקע אז בזמן שבית המקדש היה קיים איז די שעיר ראש חודש געקומען צו מכפר זיין. אבער לעתיד לבוא ווען די לבנה וועט איבערגעבעטן ווערן, דערנאך וואס זי וועט צוריק אנהויבן שיינען ווי אמאל, אזוי ווי עס שטייט (ישעיה ל כו): "וְהָיָה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה", וועט שוין נישט אויספעלן די כפרה. דערפאר ווען מיר בעהטן אויפן עתיד - "מזבח חדש בציון תכין" - זאגן מיר אז דעמאלט וועלן מיר מקריב זיין די שעירי עיזים 'לרצון', און נישט 'לכפר'.

'פתח עינים' שבועות ט א

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### קנאות אויפן כבוד פון השי"ת דורך ענטפערן אמן

די פריערדיגע פרשה ענדיגט זיך מיט שילדערן די מעשה פון פנחס, וואס צוליב זיין קנאות אויף השי"ת'ס כבוד, האט ער אן קיין מורא גע'הרג'עט א נשיא פון א שבט. אונזער פרשה הייבט זיך אן מיט שילדערן די לויב-ווערטער וואס הקב"ה האט געזאגט פאר משה אויף די מעשה פון פנחס, און די געוואלדיגע שכר וואס פנחס האט באקומען צוליב זיין קנאות אויף כבוד שמים.

פנחס דינט ווי אייביגע סימבאל פון קנאות אויף כבוד שמים. אבער, מען דארף וויסן אז כדי זוכה זיין צו זיין פון זיינע נאכפאלגער אויף קנאות פאר כבוד שמים, דארף מען נישט טוהן פונקט אזא העלדישקייט.

פון די ווערטער פון רבנו בחיי זעהט אויס אז יעדע השתדלות און יעדע זאך וואס מען טוהט צו מחזק דאס ענין פון ענטפערן אמן איז אין די בחינה פון קנאות אויף כבוד שמים, וויל ער שרייבט אזוי (שמות יד לא): דער וואס איז מקפיד אויף ענטפערן אמן בכל כוחו, ער איז "מכבד באמת דעם אויבערשטן, וואס אויף אים זאגט דער פסוק (שמואל-א' ב ל): 'כי מכבדי אכבד", און שרייבט ווייטער אז פון די צווייטע זייט, דער וואס געבט נישט אכטונג צו ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין "איז ער מבזה דעם אויבערשטן און אויף אים זאגט דער פסוק (שם) "וּבֹזַי יקלו".

דער וואס טראכט אריין וועט זעהן אז דער לשון הפסוק (דברים לב ג) "הבו גודל לאלקינו" וואס פון דעם לערנט מען ארויס דעם חיוב פון ענטפערן אמן, ווייזט און לערנט אונז אז די משמעות פון ענטפערן אמן איז צו מקדש זיין שם שמים.

יעדער איינער האט די מעגליכקייט מקנא זיין אויף די כבוד פון השי"ת דורך מחזק זיין דאס ענין פון ענטפערן אמן, אבער מען דארף וויסן אז די קנאות דארף געטוהן ווערן אויף א איידעלע און מכובד'דיגע וועג, אין די בחינה פון "בקנאו את קנאתי **בתוכם**" (במדבר כ יא); די קנאות מיינט אוועק נעמען די בושה און צוגיין צו איינער וואס האלט פארן זאגן די ברכות און זיך אנטראגן צו ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות, אדער בעהטן פון א פרעמדן זאל ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות. דער וואס פירט זיך אזוי, אויסער די עצם זכות פון ענטפערן אמן וואס ער פארמאגט, איז ער אויך זוכה צו דערהויבן די כבוד פון ענטפערן אמן ברבים און מאכן א קידוש השם.

נישט אומזינסט, אזוי ווי פנחס האט זוכה געווען צו אזא חשובע פאזיציע און אזא געוואלדיגע שכר צוליב זיין קנאות אויף השי"ת'ס כבוד, אזוי אויך אויף דער וואס ענטפערט אמן בכל כוחו, זאגן די חכמים (שבת קיט ב) אז ער איז זוכה צו א געוואלדיגע שכר פון עפענען די טויערן פון גן עדן. עס קען זיין אז אויף דעם גייט ארויף דער רמז וואס ווערט געברענגט אין ספרים, אז די ראשי תיבות: "פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן" זענען גימטריה צ"א אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן'.

אויב מיר וועלן יעדן טאג קומען פרי אין שוהל, מכבד זיין דארט דעם אויבערשטנ'ס נאמען דורך ענטפערן אמן נאך ברכות השחר, און מעורר זיין אנדערע אויך אזוי טוהן, וועט זיכער מקוים ווערן די הבטחה "כי מכבדי אכבד".

**מיט א רוף "הבו לה' כבוד"**

**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# די תפילה וואס האט געהאלפן גרינדן די נייעם געגנט

ר' יאשע ריבלין, וועמען מען האט מיט רעכט אנגערופן 'בונה ירושלים', האט נישט געוואוסט ווי זיך א עצה צו געבן, די צרה וואס איז אויף אים ארויפגעפאלן ווי א דונער אין א העלן טאג, אויסער זיין לעבנ'ס געפאר, האט אויך געסטראשעט צו פארניכטן זיין לעבנס-ארבעט וואס ער האט אויפגעשטעלט מיט פיל מי און שווייס.

מיט יארן פריער איז שוין די מצב אין אלט שטאט ירושלים געווען אומדערטרעגליך. חוץ לארץ'דיגע אידן האט זיך אפט אימיגרירט און באזעצט אין ירושלים, און די שרעקליכע ענגשאפט וואס האט זיך געשטארקט פון טאג צו טאג, צוזאמען מיט די נישט גוטע ריינקייט באדינגונגען וואס האבן געהערשט צווישן די חומות, האט צוגעברענגט פאר די איינוואוינער אומדערטרעגליכע ליידן. עס איז געווען וויכטיג צו טרעפן פאר זיי א פאסיגע לעזונג.

ר' יאשע ריבלין איז געווען פון די ערשטע וואס האבן געזוכט פארשידענע מעגליכקייטן וואס ביז יעצט האבן בלויז איינציגע גע'חלומ'ט פון דעם; ארויסגיין פון די חומות פון אלט שטאט ירושלים און בויען הייזער אין די פילע ליידיגע באדנ'ס ארום די שטאט.

אינדרויסן פון ירושלים איז אין יענע צייטן געווען א וויסטע מדבר, פיל מיט מזיקים און רויבער. נאר עטליכע האבן זיך געוואגט ארויסצוגיין און בויען א הויז אין צענטער פון די וויסטעניש. ר' יאשע ריבלין האט באשלאסן טוהן צו די זאך. ער האט צוזאמגענומען איבער הונדערט און פערציג פאמיליעס פון די בני ירושלים און אנגעטראגן



די 'מאה שערים' געגענט אין ירושלים

מען זאל קויפן צוזאמען א באדן אינדרויסן פון ירושלים און גרינדן דארט א נייע געגנט. דער פארבאנד איז גערופן געווארן מיטן נאמען 'מאה שערים', און אזוי איז שפעטער געווארן די נאמען פון די געגנט וואס די מיטגלידער פונעם פארבאנד האבן געבויט.

יעצט איז ר' יאשע ארויס זוכן דאס בעסטע באדן צו קענען אויספירן זיין וואונטש. עטליכע אפציעס זענען באטראכט געווארן און צום סוף האט מען אויסדערוועלט א וויסטע און שטיינערדיגע ערד, כאטש עס איז געווען נאנט צו אלט שטאט ירושלים, האט מען עס געקענט באקומען פאר א ביליגע פרייז, צוליב דעם וואס עס איז באקאנט געווען אז עס דרייען זיך דארט שלענג און עקדיסן.

אבער ווען די מיטגלידער פון די פאראיין האבן געוואלט ענדיגן די מקח, האבן זיי אנגעהויבן ליידן פון א דייטשער מיסיאנער וועלכער האט געוואוינט אין א כאטקע, נעבן דעם צוקונפטדיגן געגנט. יענער וועלכער האט מורא געהאט פון די אידישע שכנים וואס וועלן אים זיכער שטערן אין זיינע אקטיוויטעטן, האט באשלאסן ארויסגיין אין א מלחמה קעגן זיי.

זייענדיג דער אייגנטומער פון א פרוכטבארן וויינגארטן וואס ער האט געהאט נעבן זיין כאטקע, האט ער צוגענומען איינעם פון זיינע ארבישע ארבעטער, וועלכער איז געווען דער אייגנטומער פון איינע פון די באדנ'ס אין דעם צוקונפטדיגן געגנט. מיטן צוזאגן פינאנציעלע בענעפיטן, האט ער צוגערעדט דעם ארבעטער ער זאל נישט פארקויפן זיין שטח פאר די אידן, און ער האט אים צוגעזאגט צו טוהן ווי ער זאגט, און אויך איבעררעדן אנדערע מיטגלידער פון זיין משפחה וואס פארמאגן באדנ'ס אין די קווארטל צו טוהן אזוי ווי ער.

אבער, דער אראבער האט אינגאנצן נישט געטראכט צו איינהאלטן זיין הבטחה, און האט אויך געמוטיגט זיינע משפחה-מיטגלידער זיך צו איילן אונטערשרייבן אויפן פארקויפן די שטחים.

ווען דער מיסיאנער האט געהערט פון דעם האט אין אים געברענט זיין צארן ביז גאר, און ביי די ערשטע געלעגנהייט וואס ער איז געבליבן אליינ'ס מיט יענעם ארבעטער אין וויינגארטן, האט ער זיך געאיילט אים צו רצח'ענען און באגראבן אין די וויינגארטן.

ווען זיין צארן האט נאכגעלאזט האט דער מיסיאנער פארשטאנען אז ער האט זיך אריינגעשטעלט אין א סכנה. די משפחה פון דעם אראבער וועלן אים זיכער זוכן און ווען מען וועט טרעפן אז ער איז דער מערדער וועלן זיי אים אומברענגען. דעריבער האט ער אויסגעטראכט א פלאן וואס וועט אים אויך העלפן ערפילן זיין אריגינעלן וואונטש, אפהאלטן די אידן פון צו ווערן זיינע שכנים.

ער האט שנעל פארשפרייט פאלטשע נייעס צווישן די אראבער אז די אידן האבן אומגעברענגט דעם אראבישן ארבעטער ווייל ער האט נישט געוואלט פארקויפן פאר זיי די קרקע, די קלאנג האט זיך פארשפרייט און דער חשד איז תיכף געפאלן אויף ר' יאשע ריבלין, וועלכער איז געווען באקאנט מיט זיינע אקטיוויטעטן אויף די אויפבוי פון ירושלים.

ווען ר' יאשע האט דאס געהערט, האט ער זיך געאיילט אנטלויפן צו א באהעלטעניש ביז די טומל וועט זיך בארואיגן, ווען ער האט פארבעטן איינעם פון זיינע נאנטע פריינט, א קלוגער און פארשטענדליכער מענטש, צו זיין זיין 'קאנטאקט' וואס וועט ברענגען און טראגן וויכטיגע נייעס פון אים און צו אים.

ר' יאשע'ס פלוצים'דיגע פארשווינדן ווערן האט צוגעברענגט אז עטליכע מיטגלידער פון דער פאראיין האט געהאט א פארדאכט אז ער האט זיי אפגענארט און אנטלאפן מיט זייער געלט, און זיי האבן פרובירט אים זוכן. יעצט האט ר' יאשע געמוזט וויכטיג ארויסקומען פון זיין באהעלטעניש כדי צו אויפווייזן זיין ערליכקייט, אבער דערמיט איז ער געווען אין א טויט-געפאר פון די וואס ווילן אים הרג'ענען.

זעענדיג אז ער איז אין צרות, האט ער געשיקט זיין קרוב צו דעם באקאנטן גאון רבי מאיר אויערבאך, דער מחבר פון אמרי בינה, וועלכער האט דעמאלט געדינט אלס רב פון ירושלים, כדי ער זאל אים אנווייזן וואס צו טוהן אין אזא צייט. דער 'אמרי בינה' וועלכער האט פארשטאנען די ערנסטקייט פון דער מצב, האט מקבל געווען אויף זיך א תענית, און האט זיך אויפגעהאלטן א לאנגע צייט פארשלאסן אין צימער, וואו ער האט געבעטן פונעם אויבערשטן ער זאל ראטעווען ר' יאשע'ן און זיין פראיעקט וואס איז וויכטיג געווען ווי לופט צום אטעמען פאר די ירושלימער אידן.

ווען ער האט געענדיגט דאווענען, איז ער ארויס פון זיין צימער און האט געזאגט פאר ר' יאשע'ס שליח, אז ער זאל אים זאגן אז ער דארף נישט זארגן און זיין דערשראקן, אין עטליכע טעג ארום וועט מען געפינען דעם אמת'דיגן רוצח און ער וועט קענען ארויסגיין פון זיין באהאלטעניש און פארזעצן זיין ארבעט.

דער גאון איז געווען באקאנט אלס א הייליגער מענטש וואס זיין דאווענען ווערט אנגענומען, און זיין הבטחה האט ר' יאשע'ן בארואיגט און אוועקגענומען יעדע שרעק פון זיין הארץ. ער האט געווארט געדולדיג אין זיין באהעלטעניש ביז עס וועט זיין עפעס א נייעס.

מיט עטליכע טעג שפעטער האט דער 'פחה' - דער גענעראל פון ירושלים אין נאמען פון די טערקישע רעגירונג - באזוכט אין דעם וויינגארטן פון דעם דייטשן מיסיאנער. וועלנדיג קויפן פון אים די בעסטע ווײנטרויבן, האט דער מיסיאנער פארבעטן דעם גענעראל זאל אליינ'ס קומען אין וויינגארטן און זיך אויסוועלן פון די שענסטע וויינטרויבן וואס ער וועט זעהן.

דער גענעראל מיט זיין סוויטע זענען אריין אין וויינגארטן ווען דער מיסיאנער דרייט זיך ארום זיי, און מיטאמאל האט ער אויפמערקזאם געמאכט אז עס פיהלט זיך א שארפער גערוך. דער דערשראקענער מיסיאנער האט פרובירט בארואיגן מיט פארשידענע תירוצים, אבער דער גענעראל האט זיך נישט געקענט בארואיגן, ער האט ארומגעקוקט און זיינע אויגן זענען געפאלן אויף א קליין בערגעלע פרישע זאמד. ער האט באפוילן איינעם פון זיינע באגלייטער צו גראבן אויפן ארט, און יענער וואס איז געווען א נאנטער פריינט פון דעם דערמארדעטן ארבעטער, איז כמעט צוזאמגעפאלן ווען זיין פריינט'ס קערפער'ס איז אנטדעקט געווארן פאר זיינע אויגן. נעבן דעם קערפער איז אנטדעקט געווארן א דאקומענט וואס איז בטעות אראפגעפאלןביים באערדיגן די קערפער וואס האט באלאנגט צו דעם מיסיאנער, אזוי אז אלע דערפינדונגען האבן אנגעצייכנט אז יענער מיסיאנער איז באגאנגען דעם שוידערליכן פארברעך.

דער מיסיאנער וועלכער איז געווארן בלייך ווי קאלעך האט פרובירט אנטלויפן צו ראטעווען זיין לעבן, אבער די באגלייטער פונעם סולטאן האבן אים געכאפט און אים אפגעהאלטן פון אנטלויפן. ער איז אוועקגעפירט געווארן צו די פאליציי-קוואטיר און נאך א קורצע אויספארשונג האט ער זיך צעבראכן און מודה געווען, און איז גלייך אוועקגעפירט געווארן צו די תליה.

יעצט איז ר' יאשע איז יעצט ארויס פון זיין באהעלטעניש, און האט ווייטער פארגעזעצט זיינע אקטיוויטעטן צו אויפשטעלן די 'מאה שערים' געגנט, וואס איז שפעטער געווארן די וואוינארט פון די גדולי וצדיקי ירושלים.

'ירושלים של מעלה' ח"ד עמ' 146

# דרך אמונים

הלכות פון ענטפערן אמן

## אמן מיט כוונה

### די דריי כוונות ביים ענטפערן אמן

**די ווארט 'אמן' קומט באשטעטיגן די זאכן וואס ער האט געהערט. אבער עס איז נישט גענוג זיי צו באשטעטיגן אין א כלליות'דיגן אופן, נאר מען דארף אינזין בשעת'ן ענטפערן אמן לויט די אינהאלט פון די ברכה אדער די תפילה וואס איז געזאגט געווארן. דערפאר ביים ענטפערן אמן אויף ברכות וואס זענען א שבח והודאה דארף מען אינזין האבן: "עס איז ריכטיג די ברכה וואס דער מברך האט געזאגט און איך גלייב אין דעם". ביים ענטפערן אמן אויף תפילות און בקשות דארף מען אינזין האבן: "יהי רצון עס זאל מקוים ווערן די בקשה". און ביים ענטפערן אמן נאך ברכות וואס האבן אויף א שבח און אויך א בקשה, דארף מען אינזין האבן דיביידע כוונות צוזאמען.**

מקורות וביאורים:

דער טור שרייבט (או"ח קכד) ווען מען ענטפערט אמן זאל מען אינזין האבן אין הארץ: "אמת היא הברכה שבירך המברך ואני מאמין בזה, כי אמן הוא לשון האמנת דברים". דער 'בית יוסף' (שם) צייכנט צו דעם צו א מקור פון מדרש (דב"ר ז א) און ענליך צו דעם ווערט געברענגט אין מסכת שבועות (לו א): "אמן בו האמנת דברים". אין 'פירוש התפילות והברכות' פון ר"י בן יקר (ח"ב עמ' קיב) שטייט אז מיר האבן געטראפן אז דער שורש אמן ווערט דערמאנט אין פסוק אין א באדייט פון אמת, אזוי ווי עס שטייט (מלכים-א' ח כו): "יאמן נא דבריך" וואס איז טייטש 'עס זאל ווערן אמת דיינע רייד'.

אבער דער ב"ח (שם) שרייבט אז נאר ביי ברכות השבח איז גענוג די כוונה, אבער ביי ברכות וואס האבן אויך א בקשה דארף מען צולייגן און אינזין האבן: "יהי רצון שכך יתאמת לעיננו וימלא משאלותינו ששאלנו ממנו". דער 'מגן אברהם' (שם י) און ט"ז (שם ג) ברענגען עס אראפ, און דער 'מגן אברהם' לייגט צו אז אויף בקשות וואס האבן נישט קיין שבח זאל מען נאר אינזין האבן עס זאל מקוים ווערן די בקשה. און זעה וואס רש"י אין שבועות (שם ד"ה בו) שרייבט: "וראוי לענות אמן על דבר תפלה ותחנה שהוא לשון מאמן הדברים שיהא רצון שיהא אמת כן". און דער של"ה (מסכת תמיד נט - סא) ברענגט טאקע אראפ די ווערטער פון זיין גרויסן ברודער הר"ר יעקב אין זיינע הגהות אויף ספר 'יש נוחלין' אז עס זענען פארהאן דריי כוונות ביים ענטפערן אמן, צוגעפאסט צו די אינהאלט פון די ברכות און תפילות וואס ווערן געזאגט. און אזוי שרייבט דער 'יסוד ושורש העבודה' (שער הקרבן פרק ו): "כלל זה יהיה בידו של אדם בכוונת עניית אמן, שצריך לכוון בה ממש ככוונת מברך הברכה, באיזה ברכה שיהיה". און אזוי פסק'ענען להלכה: דער 'פרי מגדים' (משב"ז נא ג), דער 'שלחן ערוך הרב' (קכד ט), דער 'בן איש חי' ('עוד יוסף חי' פרשת ויחי אות טז. און פון זיינע ווערטער זעהט אויס אז די באדייט פון די אמן וואס ער זאגט ארויס פון זיין מויל אויף ברכות וואס האבן אין זיך א שבח און אויך א בקשה איז 'אמת', און אין הארץ זאל ער טראכטן נאך א אמן וואס איר באדייט זאל זיין 'יהי רצון'), דער 'כף החיים' (ה יד) און דער 'משנה ברורה' (קכד כה).

ביי די כוונה פון אמן נאך א ברכה וואס האט אין זיך א שבח און א בקשה, כאפט אן דער 'שולחן ערוך הרב' "עס איז גוט אינזין האבן ביי די אמן די צוויי ענינים, דער זאך איז אמת און די ווערטער פון דער מענטש זאל געגלייבט ווערן און זיינע ווערטער זאל שנעל מקוים ווערן", און ער כאפט נישט אן דער לשון חייב אזוי ווי עס איז די לשון פון די אנדערע פוסקים וואס מיר האבן פריער אויסגערעכנט. און מען קען זאגן אז ער האט אזוי אנגעכאפט ווייל פון דעם וואס דער 'טור' און דער 'שלחן ערוך' (שם ו) האבן דערמאנט לגבי ענטפערן אמן אויף די הויכע שמו"ע נאר איין כוונה - "אמת היא הברכה", כאטש אז אין רוב פון זיי איז אויך דא א בקשה, זעהט אויס אז זיי האלטן אז די צוגעלייגטע כוונה "יהי רצון" איז נאר א מעלה און נישט קיין חובה. און אין ספר 'ברכת אברהם' (סנהדרין קיא א) ווערט ערקלערט אז לויטן טור און שו"ע באציט זיך די אמן נאר אויף די אויספיר פון די ברכה, און דערפאר דארף מען אינזין האבן ביים ענטפערן אמן אז די ווערטער פון דער מברך איז אמת, אויך אויף ברכות וואס האבן אין זיך א בקשה, ווייל די בקשה ווערט נישט דערמאנט ביי די אויספיר פון די ברכה. אבער לויטן ב"ח, של"ה און די אנדערע פוסקים וואס זענען פריער דערמאנט געווארן באציהט זיך די אמן אויך אויף די בקשות וואס ווערן געזאגט אינמיטן די גאנצע ברכה, און דערפאר דארף מען אינזין האבן אויף די ברכות די צוויי כוונות: אמן און יהי רצון. און זעה אויך דער לשון פון של"ה (שם סא).

אבער אין 'אשל אברהם' (בוטשאטש, שם ו) שטייט אז מעיקר הדין איז גענוג אינזין האבן א כללית'דיגע כוונה "ער גלייבט די ווערטער וואס זענען געזאגט געווארן כאילו ער אליינ'ס וואלט זיי געזאגט", און די כוונה נוצט אויף אלע ברכות און תפילות אן צו מאכן א אונטערשייד צווישן די סארטן ברכות, און אן זיך באציעהן צו די אינהאלט פון די ווערטער וואס ער הערט [אבער ער מוז הערן אדער וויסן אויף וועלכע ברכה ער ענטפערט אמן ווייל אויב נישט איז עס א 'אמן יתומה']. און לייגט צו אז דאס וואס די פוסקים האבן מחייב געווען אינזין האבן א פרטית'דיגע כוונה צוגעפאסט צו די אינהאלט פון די ברכה, איז נאר ווען מען רעדט אויף מקיים זיין די מצוה פון ענטפערן אמן לכתחילה, און ער בלייבט מיט א צ"ע. און אין נאמען פון 'אילת השחר' ווערט געברענגט אז עס איז גענוג אינזין האבן אז ער וויל אז זיין אמן זאל אויסגעטייטש ווערן ווי עס דארף צו זיין ('נוטרי אמן' ח"ב בהקדמה).

נאך שרייבט דער 'יסוד ושורש העבודה' (שם): "די עיקר כוונה פון ענטפערן אמן איז זיך פרייען במחשבה אויף די גרויסקייט פון השי"ת, ווי ער האט געהערט א ריכטיגע שבח והודאה אויף אונזער באשעפער ית"ש וואס איז נישט קיין ליגנט, קומט ארויס פון די מויל פון דער מברך".

# דועי אמונים

פון די ווערטער פון אונזערע רבי'ס אויף ענטפערן אמן



**הגה"צ רבי ישראל ברזובסקי שליט"א**

בן מרן האדמו"ר מסלאנים און רב פון די קהילה אין ביתר

## ענטפערן אמן ברענגט אריין אמונה אין די בריאה

אין שו"ע איז גע'פסק'נט (או"ח קכד א): "מען זאל ענטפערן אמן נאך יעדע ברכה... און מיט כוונה וואס ער האט אינזין אין הארץ 'עס איז אמת די ברכה וואס דער מברך האט געזאגט און איך גלייב אין דעם". לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס דארף מיר באשטעטיגן די ווערטער פון דער מברך, דער מברך לייגט אראפ דעם אמת, פארוואס דארפן מיר באשטעטיגן דעם אמת?

אויפן פסוק (דברים כ ג): "**שמע ישראל** אתם קרבים היום למלחמה על איביכם", דרש'ענען חכמים (סוטה מב א): "אפילו לא קיימתם אלא קריאת שמע שחרית וערבית, אי אתם נמסרים בידם". לכאורה דער הויפט ענין פון דער ערשטער פסוק פון קריאת שמע איז וואס מיר זענען מייחד און ממליך אויף אונז דעם אויבערשטן מיטן אויסרופן "ה' אלוקינו ה' אחד", פארוואס אויב אזוי דערמאנט די תורה דווקא די ווערטער 'שמע ישראל' אלץ א זכות וואס וועט באשיצן די אידן פון זייערע פיינט, נאך דארף מען פארשטיין פארוואס איבעראל רופן אן די חכמים די מצוה מיטן נאמען "קריאת שמע", און נישט 'יחוד ה'' וואס דאס איז די ריכטיגע באדייט פון דעם?

נאר מען קען אזוי ערקלערן: ווייל הקב"ה האט געגלוסט צו האבן א דירה בתחתונים האט ער באשאפן די גאנצע בריאה, און דאס איז די מטרה פון די בריאה. אין אלע חלקים פון די בריאה: 'דומם, צומח, חי, מדבר' וויל דער אויבערשטער זיין. אט די מטרה ווערט פארווירקליכט דורכ'ן זאגן 'שמע ישראל'. ווייל מיט דעם וואס דער 'מדבר' אין די בריאה 'שומע' מציאות השם יתברך ואחדותו, דרינגט אריין די ידיעה צו יעדע חלק פון די בריאה. קומט אויס אז דאס עצם הערן - "שמע ישראל" - ווערט גערעכנט פאר אזאך פאר זיך, וואס דורך דעם דרינגט אריין די אנערקענונג אין די אנדערע חלקים פון די בריאה אז 'ה' אלוקינו ה' אחד', און 'אין עוד מלבדו'.

ענליך צו דעם קען מען ערקלערן אז דאס איז די באדייט פון הערן א ברכה און ענטפערן אויף דעם אמן. ווייל ווען א איד הערט א ברכה און ענטפערט אמן, מיט דעם דרינגט אריין אין די גאנצע בריאה די מציאות ה', און די גאנצע בריאה שטעלט זיך צו צו זיין עדות: "'עס איז אמת די ברכה וואס דער מברך האט געזאגט און איך גלייב אין דעם". קומט אויס אז ענטפערן אמן איז נישט סתם א עדות אז די ווערטער פון דער מברך איז אמת, נאר דאס איז די תוצאה פון הערן א ברכה, אין די בחי' פון "שמע ישראל", וואס אלס רעזולטאט פון עס הערן דרינגט אריין אין די גאנצע בריאה די הכרה אין מלכות שמים.

# אמן אין די קייט פון די יאר

## בין המצרים

### אמן אויף די ברכות פון גאולה

דער פריערדיגער מוכיח **רבי משה כהנא מגיביטש** ברענגט אין זיין ספר 'דרך משה' (ליום יא) אין נאמען פון 'ספרי מוסר' אז א חסיד האט געפאסט וועלנדיג וויסן די טעם פארוואס די גלות איז אזוי לאנג, און אין חלום האט מען אים געענטפערט: "וויאזוי זאל קומען די גאולה ווען דער וועלט גיבט נישט אכטונג ענטפערן אמן אויף די ברכות פון די גאולה, און דאס זענען די ברכות: 'המחזיר שכינתו לציון' [ווייל דער ציבור יאגט זיך זאגן 'מודים'] און 'הפורש סוכת שלום עלינו ועל כל עמו ישראל ועל ירושלים' [ווייל דער ציבור יאגט זיך זאגן 'ושמרו']".

לייגט צו דער 'דרך משה': "דערפאר אין אלע קהילות און אין יעדע פלאץ וואו איך פאר ארום, בין איך מתקן א תקנה אז בעפאר מען הייבט אן 'מודים' און בעפאר מען זאגט 'ושמרו' זאל מען ווארטן אביסל, און אויך געבן א קלאפ אויפן עמוד, כדי דער ציבור זאל האבן צייט ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין".

דער 'בית הלוי' ברענגט א ראי' אז די גאולה האלט זיך צוריק צוליב נישט ענטפערן אמן אויף די צווי" ברכות פון דער פסוק (ישעיה סב א): "למען ציון לא אחשה ולמען ירושלים לא אשקוט"; הקב"ה שווייגט נישט אויף דעם וואס דער וועלט געבט נישט אכטונג ענטפערן אמן נאך די ברכה 'המחזיר שכינתו לציון' און נאך 'הפורש סוכת שלום... ועל ירושלים', און צוליב דעם האלט זיך אפ די גאולה ('עולם עשיה' דף קה ע"ב).

אויפן צדיק **רבי חיים משה מאנדעל** ווערט דערציילט: איינמאל איז געקומען צו אים א איד וואס האט זיך געוויטיגט אין א ישועה. האט אים הרב מאנדעל צוגעזאגט ער זאל מעורר זיין זיינע פריינט ענטפערן אמן נאך די ברכות, דער מענטש האט אזוי געטוהן, און האט זוכה געווען צו א ישועה ('נוטרי אמן' ח"ב עמ' כא).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

לכבוד דער נשיא פון בני אמונים רבי יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א

אלס א אפשטאמיגער פון ארץ ישראל וואס וואוינט יעצט אין יאהאנסבורג - דרום אפריקע, איך פיר זיך יעדע וואך אדורכקוקן די פילע קאלום'ס פון עקער חשוב'ער גליון, און איך האב הנאה פון דעם רייכן אינהאלט, וואס דרינגט אויך אריין אין הארץ, און ס'געבט אירע סיגנאלן זיך צו פירן אזוי הלכה למעשה.

אין דעם בלעטל וואס איר האט ארויסגעגעבן לכבוד יום-טוב שבועות, האבן אייך געברענגט א וואונדערליכע פארבינדונג צווישן אמן און יו"ט שבועות. צווישן אנדערע האט איר דערמאנט דעם פארבינדונג צווישן ענטפערן אמן וואס איז דער יסוד פון אמונה מיט די ערשטע צווי" דברות וואס באפעלן אויף אמונה.

איך האב געטראכט צולייגן אז מען קען טרעפן א נאנטער קשר אויך צווישן די אנדערע דברות און ענטפערן אמן:

די ציווי "לא תשא את שם ה' לשוא", וואס באפעלט אויף אכטונג געבן די כבוד פון ה' האט א נאנטער פארבינדונג צו ענטפערן אמן, ווייל די באדייט פון ענטפערן אמן איז אפהיטן אויף די כבוד פון השי"ת'ס נאמען וואס ווערט געזאגט ביי די ברכה. ווייל די חיוב פון ענטפערן אמן לערנען די חכמים פון די רייד פון משה פאר די אידן אין אנהויב די שירה פון פר' האזינו (דברים לב ג): "כי שם ה' אקרא - הבו גודל לאלקינו", און אזוי דרש'ענען די חכמים: "בשעה שאני מזכיר שמו של הקדוש ברוך הוא בברכה - אתם הבו גודל בעניית אמן" (רש"י ברכות כא א ד"ה כי).

די פארבינדונג צווישן די ציווי "זכור את יום השבת לקדשו" וואס מיר זענען מקיים יעדן שבת מיטן זאגן די ברכה פון קידוש - איז קלאר און פארשטענדליך. און מען קען צולייגן אז לויטן פמ"ג (א"א רטו ו) וואס זאגט אז די חשיבות פון אמן איז ווי די חשיבות פון די ברכה, וועט אויסקומען אז ענטפערן אמן אויף די ברכה פון קידוש איז א מצוה מן התורה.

די פינפטע דיבור וואס באפעלט אויף כיבוד אב ואם, האט זיכער א שייכות מיט ענטפערן אמן, ווייל נאך ווען עלטערן גייען אוועק פון דער וועלט ל"ע איז מען מקיים די מצוה מיט זאגן קדיש און דאווענען פאר עמוד. און נאכמער, אלע עקערע פעולות זענען געגרינדעט געווארן לעילוי נשמת עקער פאטער זצ"ל, אין א בחי' פון "בן יכבד אב".

וויבאלד די באדייט פון אמן איז אמונה, ממילא דער וואס האלט דאס און ווערט נישט חלילה עובר אויף די פינף מצוות פון בין אדם לחבירו, וואס זענען אויסגעקריצט אויפן צווייטן לוח. ווייל דער וואס גלויבט אין די השגחה פון השי"ת אויף זיין וועלט, און אין דעם וואס ער געבט פאר יעדע באשעפעניש וואס ער דארף פאר איר עקזיסטענץ, וועט חלילה נישט גנב'ענען, גלוסטן און זאגן שקר, און אוודאי' נישט עובר זיין דעם איסור פון רציחה און ניאוף.

עס דאכט זיך מיר אז עס איז נישט מער פאסיג צו ענדיגן די בריוו ווי מיט די וואונדערליכע ווערטער פון די פיוט פונעם משורר האלוקי' רבי יהודה הלוי "הַיּוֹם נִכְבָּד לִבְנֵי אֱמוּנִים זְהִירִים לִשְׁמֹר אָבוֹת וּבָנִים חָקוּק בִּשְׁנֵי לֻחוֹת אֲבָנִים".

ש.ל.

**יאהאנסבורג - דרום אפריקע**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



די קבר פון רמ"ק אין דעם אלטן בית החיים אין צפת

### דער רמ"ק
### כ"ג תמוז ש"ל

רבי משה קארדאבירו איז געבוירן געווארן אין יאר רפ"ב צו זיין פאטער רבי יעקב, זיין משפחה האט געשטאמט פון דער שטאט קארדאבא אין שפאניע, ווי זיין לעצטע נאמען זאגט עדות. ער איז אויפגעוואקסן אין צפת, און געווען איינער פון די תלמידים פון הגאון רבי יוסף קארו, דער מחבר פון 'שלחן ערוך'.

ווען ער איז עלטער געווארן, האט ער חתונה געהאט מיט דער שוועסטער פון רבי שלמה אלקבץ, דער מחבר פון דעם באקאנטן פיוט 'לכה דודי', און האט אנגעהויבן לערנען קבלה פון אים. שפעטער האט ער געגרינדעט א ישיבה אין צפת, וואו ער האט געלערנט די חכמת הנסתר, און האט אויך געדינט אלס א דיין אין שטאט. צווישן זיינע תלמידים זענען געווען רבי חיים וויטאל און דער 'ראשית חכמה'. ווען דער אר"י הק' איז אנגעקומען קיין צפת עטליכע חדשים פאר די פטירה פונעם רמ"ק, האט זיי זיך פארטיפט צוזאמען אין די תורת הנסתר, און ביי זיין פטירה האט ער גע'ערש'נט זיין ארט.

זיין הויפט באקאנטן חיבור אין תורת הקבלה 'פרדס רימונים' האט ער ארויסגעגעבן ווען ער איז געווען זעקס און צוואנציג יאר אלט. ער האט אויך מחבר געווען א פירוש אויפן זוהר מיטן נאמען 'אור יקר', א מוסר ספר מיטן נאמען 'תומר דבורה' און נאך אנדערע ספרים.

דער רמ"ק איז נפטר געווארן כ"ג תמוז ה"א ש"ל אין עלטער פון אכט און פערציג יאר, און ער איז באערדיגט געווארן אויפן אלטן בית הקברות אין צפת.

### א צדיק אן קיין ספק

אין סידור הרמ"ק (שער ד ס"ס ג) ברענגט ער אין נאמען פון זוהר (בזוהר שלפנינו אינו, וראה תיקוז"ח קלב א), אז די צאל פון די דברים שבקדושה זענען מרומז אין די ווארט 'צדיק' - צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים, ק' ברכות, און אזוי שרייבט ער: "אין זוהר שטייט אז דער מענטש דארף ענטפערן יעדן טאג: צעהן קדישים, ניינציג אמנים, הונדערט ברכות און פיר קדושות, און זייער סימן איז 'צדיק', ווייל דער וואס פירט זיך אזוי איז א זיכערער צדיק אן קיין ספק".

צו באקומען יעדע וואך די גליון אין אימעיל קען מען זיך ווענדן צו: 9139191@gmail.com